# שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר

פֿון רחל פֿישמאַן (פֿון איר עזבֿון)

שפּאַר זיך בעסער אָן אין מיר.
לאָז די ווערטער אָפּ.
ס׳וועלן ווערטער צווישן אונדז
פֿון זינען גלײַך אַראָפּ.

שפּאַר זיך גלײַכער אָן אין מיר.
האַלט דאָס לאַכן אײַן.
פֿון אַ לאַכן ווי בײַ אונדז
וועלט פֿון טרויבן ווײַן.

שפּאַר זיך נענטער אָן אין מיר.
מאַך די אויגן צו.
ס׳איז סײַ־ווי
מיט אַ ליכטיקייט
פֿאַרזיגלט אונדזער רו.

דאָס ליד, מיט דער האַנט געשריבן, געפֿינט זיך - צווישן הונדערטער אַנדערע כּתבֿ־ידן (לידער, בריוו אד״גל) אין דער פֿילפֿאַרביקער אַרכיוואַלער זאַמלונג פֿון דער דיכטערין, וואָס איז אײַנגעשטעלט און אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך איר פּטירה אין 1984. די זאַמלונג געפֿינט זיך אין סטענפֿאָרד־אוניווערסיטעט, סטענפֿאָרד, קאַליפֿאָרניע, אינעם אָפּטייל פֿון ספּעציעלע זאַמלונגען בײַ די סטענפֿאָרד־אוניווערסיטעט־ביבליאָטעקן. פֿאָטאָקאָפּיעס פֿון רחל פֿישמאַנס פּאָעזיע־כּתבֿ־ידן געפֿינען זיך אויך אינעם אַרכיוואַלן אָפּטייל פֿונעם נאַציאָנאַלן ביבליאָטעק בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

דער מוזיקער און קאָמפּאָזיטער, בנימין שעכטער (ניו־יאָרק), האָט אָנגעשריבן מוזיק צום דאָזיקן ניט־אָפּגעדרוקטן ליד וואָס מען האָט, צום ערשטן מאָל, געזונגען בײַ אַ ליטעראַרישן נאָכמיטאָג אינעם שלום־עליכם־קולטור־צענטער, בראָנקס, ניו־יאָרק, זונטיק, דעם 20סטן נאָוועמבער 1994. די פּראָגראַם איז געווען אין אָנדענק פֿונעם 10טן יאָרצײַט נאָך דער דיכטערין און אויך לכּבֿוד דעם אַרויסגעבן איר בוך לידער <u>**אַזוי וויל איך פֿאַלן / I WANT TO FALL LIKE THIS**</u>. דאָס בוך איז אַ צווייִשפּראַכיקער אָפּקלײַב פֿון רחל פֿישמאַנס לידער.

אַרויסגעגעבן פֿון **WAYNE STATE UNIVERSITY PRESS**

(ג.ש.פּ.)